בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קל"ז

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ויחי
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### מְלַמְּדִים דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה' בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית ה', אַלֶע טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ מְלַמְּדִים. עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים צוּ הֶערְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער רִיכְטִיג אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין חִיזוּק. אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן דִי מְנַהֲלִים, אוֹיבּ הֶענְגְט אַ טָאוְול אוֹיף דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה 'בִּנְשִׂיאוּת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א' - דַארְף מֶען זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע מְלַמְּדִים זָאלְן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר מְלַמְּדִים.

### אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵּדְ'ס מֹחַ

הַיינְט וֶועלְן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע אוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ נוֹשֵׂא.

מְלַמְּדִים פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר: וָואס קֶען מֶען טוּן אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אִין כִּתָּה וֶוען מֶען הֵייסְט דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אַ גֶעוִויסֶער לִימוּד, הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ קְרֶעכְצְן, וִוי צוּ זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד צוּ דֶעם לִימוּד? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ דֶעם לִימוּד?

דִי תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם אִיז: אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵּדְ'ס מֹחַ וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אָן דֶעם לִימוּד. אוֹיבּ הָאט דֶער לִימוּד אַ חֲשִׁיבוּת אִין זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט אַ חִיּוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק צוּ דֶעם לִימוּד, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ הָאבְּן אַ חִיּוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק צוּ דֶעם לִימוּד, אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד צוּ דֶעם לִימוּד, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד צוּ דֶעם לִימוּד; וַוייל קִינְדֶער הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן גֶעפִיל אוּן בְּלִיק צוּ דֶעם לִימוּד - אַזוֹי וִוי דֶער מְלַמֵּד. דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אִין דֶעם.

### שֵׁיין שְׁרַייבְּן אִיז וִויכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

לָאמִיר אָנְכַאפְּן אַלְס בֵּיישְׁפִּיל דֶער לִימוּד פוּן שֵׁיין שְׁרַייבְּן. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס קוּקְן אָן שֵׁיין שְׁרַייבְּן וִוי אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין חֲשִׁיבוּת אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, זֵיי לֶערְנֶען עֶס נָאר כְּדֵי יוֹצֵא צוּ זַיין דִי גְזֵירָה וָואס דִי מוֹסָד פַארְלַאנְגְט, אוּן וַוייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז דֶער מְנַהֵל גֵייט אַרַיינְקוּקְן אִין כִּתָּה דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶערְל אוֹיפְן טִיר אוּן עֶר וֶועט זֶען וָואס עֶר טוּט אִין כִּתָּה, דַאן וֶועלְן עֶס דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵשֶׁק אוּן גֶעפִיל צוּ דֶעם לִימוּד.

אָבֶּער אוֹיבּ הָאט דֶער לִימוּד אַ חֲשִׁיבוּת אִין דֶעם מְלַמֵּדְ'ס אוֹיגְן, עֶר הָאט הַנָאָה צוּ לֶערְנֶען דֶעם לִימוּד וַוייל עֶר וֵוייסְט וִוי וִויכְטִיג דָאס אִיז פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן רֶבִּי יִצְחָק (עַלִים לִתְּרוּפָה, סוֹף מִכְתָּב ב'): **"תִּשְׁתַּדֵּל לְהַרְגִּיל עַצְמְךָ בִּכְתָב נָאֶה וְלָשׁוֹן צַח כִּי הַכְּתָב וְהַמִּכְתָּב הוּא יְסוֹד גָּדוֹל לְתוֹרָה וַעֲבוֹדָה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ"**, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ שְׁרַייבְּן שֵׁיין אוּן רִיכְטִיג, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז זַיין אַרְבֶּעט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט פוּן אִים, - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ הָאבְּן אַ חֵשֶׁק אוּן גֶעפִיל צוּ דֶעם לִימוּד.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער, וִוי רֶעכֶענֶען אוּן דָאס גְלַייכְן, אַלֶעס אִיז וִויכְטִיגֶע לִימוּדִים וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, אוּן וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵּד וֶועט קוּקְן אוֹיף דֶעם - אַזוֹי וֶועלְן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף דֶעם.

## קִינְדֶער שְׁפִּירְן דַיין גֶעפִיל

### דֶעם גֶעפִיל צוּ אַלֶע מַצָּבִים אוּן צַייטְן

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר נוֹגֵעַ מִיט אַ סְפֶּעצִיפִישֶׁע לִימוּד, דָאס אִיז אַ כְּלָלִיוּתְ'דִיגֶע יְסוֹד וָואס אִיז שַׁיָּיךְ אִין אַלֶע מַצָּבִים אוּן צַייטְן מִיט קִינְדֶער. קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַלְץ דֶעם גֶעפִיל וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּ דֶעם מַצָּב אוּן צוּ דֶעם צַייט - אוּן אָט דֶעם גֶעפִיל בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער.

יֶעדֶער מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס פְרֶעגְן: 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ הַיינְט גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר?' אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד קוּמְט אִין חֵדֶר וַוייל עֶר וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, עֶר הָאט הַנָאָה צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם, עֶר לֵייגְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרַיין אִין דֶעם, עֶר קוּקְט זִיךְ גוּט פָאר אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ פִילְן אַ חִיּוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זִיצְן אִין כִּתָּה.

אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער נָאר וַוייל עֶר מוּז בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דִי גַאנְצֶע מְלוּמְדוּת אִיז אִים אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ אוּן עֶר קֶען קוֹים וַוארְטְן צוּ וֶוערְן בַּאפְרֵייט פוּן דֶעם, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ קוּמֶען אִין חֵדֶר אָן קַיין חֵשֶׁק אוּן אָן קַיין גֶעדוּלְד.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דָאס מְלוּמְדוּת מוּז זַיין אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט; וַוייל מְלוּמְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶס מוּטְשֶׁעט זֵייעֶר אוֹיס, אוּן סוֹף טָאג שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת. מְלַמְּדִים פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר וָואס זֵיי זָאלְן טוּן נָאךְ חֵדֶר, וֶוען דִי וַוייבּ בֶּעט זֵיי צוּ אַהֵיימְקוּמֶען אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ זָאג זֵיי, אַז זֵיי זָאלְן כַאפְּן אַ קוּרְצֶע דְרִימְל פוּן צֶען פוּפְצְן מִינוּט,

און נאכדעם זאלן זיי אהיימגיין העלפן מיט די קינדער, ווייל א מלמד ארבעט טאקע שווער און עס שעפט אויס די גאנצע כח, מען דארף עס אבער טון מיט שמחה און שעפן פון דעם סיפוק 'ברוך השם אז איך לערן תורה מיט אידישע קינדער'.

### דער מצב פון סוף זמן האט צוטון מיטן מלמד

א מלמד האט מיר געפרעגט: **"ווי אזוי קען מען מאכן די קינדער זאלן האלטן ביים לערנען חודש אלול און תשרי, ווען די וואכן ווערן איבערגעהאקט דורך די ימים טובים?"**

איך האב אים געענטפערט: אלעס ווענדט זיך ווי אזוי דו קוקסט אויף דעם; אויב זענען די פאר וואכן ביי דיר אין קאפ א צייט וואס מען קען נישט לערנען, ווייל עס איז שוין סוף זמן - וועלן די קינדער אויך קומען אין חדר אן קיין שום געפיל צו לערנען, אבער אויב דו האלטסט ביי דיר אין קאפ אז דאס זענען וויכטיגע וואכן, וואס מען גייט לערנען און מצליח זיין - וועלן די קינדער אויך קומען אין חדר מיט א חשק צו לערנען און צו מצליח זיין.

בפרט אז עס איז טאקע דא אסאך וואס צו טון מיט די קינדער אין די צייט פון יאר, מען דארף זיי דאך אויסלערנען אלע מנהגים און הלכות פון גאנץ חודש תשרי; ראש השנה, לשנה טובה, תקיעת שופר, תשליך, זכרנו לחיים, המלך, עשרת ימי תשובה, ערב יום הקדוש, יום הקדוש, סוכות, חול המועד, הושענא רבה און שמחת תורה.

דאס איז דער סיבה פארוואס אנהייב יאר זענען אלע מלמדים מצליח מיט די קינדער, וויבאלד די מלמדים קומען אריין צו די קינדער מיט א שטארקע התחלה, ווייל די קינדער זענען די זעלבע קינדער ווי סוף זמן, ביי זיי האט זיך גארנישט געטוישט, דער טויש האט נאר צוטון מיטן מלמד; ווען א מלמד מאכט אפ אז יעצט קען מען סיי ווי גארנישט טון מיט די קינדער - וועט ער טאקע גארנישט קענען טון מיט די קינדער, און ווען א מלמד מאכט אפ אז יעצט הייבט מען אן מיט א שטארקע התחלה - וועט טאקע ווערן א שטארקע התחלה ביי די קינדער.

### פרייטאג קען ווערן דאס שענסטע טאג פון די וואך

די זעלבע זאך איז מיט פרייטאג; ווי אזוי דער מלמד קוקט אויף דעם - אזוי וועט עס זיין. אויב א מלמד קוקט עס אן ווי א גע'פגר'טע טאג, וואס מען קען סיי ווי גארנישט טון מיט די קינדער, וועט עס טאקע זיין א גע'פגר'טע טאג און ער וועט גארנישט קענען טון מיט די קינדער.

אבער אויב א מלמד גרייט זיך אן צו לערנען פרייטאג מיט די קינדער שיינע אינטערעסאנטע זאכן, צום ביישפיל, שיינע תורות אויף די פרשה, א שיינע מעשה פון א צדיק, שיינע מנהגים פון צדיקים, אדער שיינע גרינגע הלכות, וועט עס ווערן ביי אים זיין שענסטע טאג פון די וואך, ווייל גרינגע לופטיגע לימודים האבן אלע קינדער ליב צו אויסהערן.

מען קען דאך אריינלייגן אין קינדער זייער אסאך; די הייליגע חכמים זאגן (אבות ד, כ) **"הלומד ילד למה הוא דומה, לדיו כתובה על ניר חדש"**, וואס מען לערנט מיט א מענטש אין זיינע יונגע יארן, איז אזוי ווי מען שרייבט אויף א נייע פאפיר וואס די אותיות גייען אריין זייער טיף אינעם פאפיר, דאס לערנען בלייבט אויף א גאנץ לעבן; אנדערש איז ווען מען לערנט אויף דער עלטער, איז עס גלייך "לדיו כתובה על ניר מחוק", אזוי ווי מען שרייבט אויף אן אלטע פאפיר, וואס די אותיות גייען נישט אריין אזוי טיף, דאס לערנען בלייבט שוין נישט איינגעקריצט אזוי שטארק אינעם זכרון.

### נישט אריינברענגען דעם טעלעפאן אין כתה

טייערע מלמדים, איך וויל ענק בעטן, ווילאנג עס הענגט א טאוול אויף די תלמוד תורה 'בנשיאות הראש ישיבה שליט"א' - זאל מען נישט אריינברענגען קיין טעלעפאן אין כתה.

עס איז דא א הלכה (עיין פסחים צ.) **"אדם אוסר את שלו"**, א מוסד האט רעכט אוועקצושטעלן תקנות פאר די איינגעשטעלטע פון די מוסד; מיר מאכן א נייע תקנה אין די מוסד, ווער עס וויל זיין א מלמד ביי אונז אין מוסד קען נישט האבן קיין טעלעפאן מיט זיך אין כתה. און אויב עס וועט זיך אויספעלן, וועט מען איינפירן אז די מלמדים זאלן אריינגעבן זייערע טעלעפאנ'ס אין אפיס יעדן אינדערפרי, מען זאל נישט האבן דעם נסיון פון אריינטראגן דעם טעלעפאן אין כתה.

ווער עס האט אויף זיין טעלעפאן רעקארדירונגען וואס ער וויל אנצינדן פאר די קינדער, ווי דאס דאווענען אדער דערציילונגען פון די פרשה, וועט מוזן טרעפן אן אלטע טעלעפאון וואס מען קען נישט אויף דעם רעדן, און דאס וועט ער קענען אנצינדן פאר די קינדער, ווייל איך וויל נישט מען זאל אריינברענגען אין כתה א טעלעפאן וואס מען קען אויף דעם רעדן.

אויב א פרוי' וועט עפעס דארפן זאגן פאר איר מאן, וועט זי קענען רופן דעם סגן מנהל, און ער וועט איבערגעבן אז מען האט גערופן פון שטוב.

### זיין מיט די קינדער מיטן גאנצן קאפ און מח

עס איז נישט מעגליך אז דער גאנצער מח זאל זיין ביי די קינדער - אויב מען האט דעם טעלעפאן מיט זיך. עס איז אדער - אדער; אדער איז דער מח מיטן טעלעפאן, אדער איז דער מח מיט די קינדער.

עס איז א מורא'דיגע אחריות צו לערנען מיט קינדער, א מלמד דארף זיין מיט זיין גאנצע קאפ און מח מיט די קינדער, און דאס קען געשען נאר אז מען האט נישט דעם טעלעפאן מיט זיך, דעמאלט קען מען טראכטן וואס נאך מען קען צולייגן און אויסלערנען פאר די קינדער; א רש"י, א הלכה, אדער נאך א שיינע אידישע זאך, צום ביישפיל, פרשת כי תבוא קען מען צולייגן די נעמען פון די שבעת המינים (עיין רש"י דברים כו, ב דבור המתחיל מראשית).

אין איינוועגס וועט מען זען אז די קינדער וועלן שוין נישט געבן דעם קרעכץ צו א געוויסע לימוד, ווייל זיי וועלן שפירן אז דער מלמד איז דא מיט זיי מיטן גאנצן קאפ און הארץ.

### וואס פאר א פנים וועל איך האבן פאר מיין תלמיד?

טייערע מלמדים, איך וויל ענק נאכאמאל מחזק זיין צו קומען צייטליך אין חדר.

קוקט נישט אן די יעצטיגע פאר וואכן אז עס איז שוין סיי ווי סוף זמן און עס איז נישט אזוי וויכטיג צו זיין צייטליך, ווייל לגבי זיין צייטליך מאכט נישט אויס אנהייב זמן אדער סוף זמן.

מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן: **"א מלמד דארף זיך טראכטן: 'אפשר וועט איינער פון מיינע תלמידים אויסוואקסן א דיין און איך וועל דארפן פרעגן שאלות פון אים, אדער וועט איינער אויסוואקסן א בעל דרשן וואס גייט רעדן פאר טויזנטער מענטשן, וואס פאר א פנים וועל איך האבן פאר אים אויב איך האב נישט געטון מיין ארבעט ערליך און ריכטיג?!"**

דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאלטס האבן הצלחה און סייעתא דשמיא, אמן.

## אַנְשְׁטָאט שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ, שְׁרַייט מֶען "שְׂכַח אַייבֶּערְשְׁטֶער"

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט מִיר אוֹיס, בִּפְרַט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיין וַוייבּ, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר בַּארוּאִיגְן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען אִיר בִּכְלַל נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר רֶעדְן שֵׁיין אוּן אוֹיסְהֶערְן.

אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעם שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אַנְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר שַׁבָּת דֶעם "עִיר קַאנְדִישְׁן" אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע נוּמֶער אַז וֶוען עֶס פִּילְט אַז עֶס אִיז הֵיים זָאל זִיךְ עֶס אָנְצִינְדְן. לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט אָנְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט אָנְצִינְדְן. וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים פוּן שׁוּל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵיים, שְׁרֶעקְלִיךְ הֵיים, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אַייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס זָאל זִיךְ שׁוֹין אָנְצִינְדְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ עֶס עֶרְשְׁט אָנְגֶעצִינְדְן אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ הוֹיךְ אוֹיסְגֶערוּפְן: "שְׂכַח אַייבֶּערְשְׁטֶער!"

פוּן דֶעמָאלְט אוּן ווַייטֶער, יְעֶדֶעס מָאל עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן, הָאט מַיין זוּן, וָואס אִיז צְווֵיי יָאר אַלְט אוּן הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, גֶעשְׁרִיגְן: "שְׂכַח אַייבֶּערְשְׁטֶער!"

וֶוען אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם שְׁרַייעֶן אוֹיף מַיין ווַייבּ פַארְוָואס זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶעגְנְט אָנְשְׁטֶעלְן נָארְמַאל, כָּאטְשׁ וָואס עֶס הָאט בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט מִיט אִיר, אָבֶּער ווִי דֶער סֵדֶר הָעוֹלָם וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גוּט אִיז דִי וַוייבּ שׁוּלְדִיג, וָואס וָואלְט מַיין זוּן גֶעשְׁרִיגְן יְעֶדֶעס מָאל?

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי ווֶערְטֶער זִיךְ גֶענוּג צוּ בַּאדַאנְקֶען.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶענְטְשְׁן כַּאפְּן נִישְׁט, מֶען לֵייגְט נִישְׁט צוּ קָאפּ אַז יְעֶדֶע וָוארְט וָואס מַאן אוּן ווַייבּ רֶעדְן - הֶערְן זִיךְ דִי קִינְדֶער צוּ דֶערְצוּ; נִישְׁט נָאר דִי גְרוֹיסֶע, נָאר דִי גָאר קְלֵיינֶע.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, "אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵּיהּ", אָדֶער הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז חִינוּךְ הָאט מִיט דִי קִינְדֶער, מוֹהֲרַ״ש זָאגְט, חִינוּךְ הָאט מִיט זִיךְ; ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ - ווֶעסְטוּ דָאס זֶען אִין דַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי מֶען קוּקְט אִין אַ שְׁפִּיגְל; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס יְעֶדֶע צְווֵייטֶע ווָארְט אִיז "אַייבֶּערְשְׁטֶער", לוֹיבּ ווֶערְטֶער צוּם אַייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער ווֶערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט שְׁרַייט מֶען הוֹיךְ: "גַּם זוּ לְטוֹבָה!" "שְׂכַח אַייבֶּערְשְׁטֶער!" - ווֶעלְן דִי קִינְדֶער דָאס נָאכְמַאכְן, זֵיי ווֶעלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶס ווֶעט זֵיי גוּט גֵיין.

אַז קִינְדֶער הֶערְן עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן אוּן שֶׁעלְטְן, אוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען ווִיל - ווֶערְט מֶען פַארְלוֹירְן, מֶען שֶׁעלְט, מֶען שְׁרַייט - ווֶעלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אַזוֹי לֶעבְּן, אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע ווֶעט רוּפְן דִי קִינְדֶער אִין אַן עֶרְנְסְטְן מִינוּט אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי מוּסָר - ווֶעלְן זֵיי זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוּנְטֶערְלַאכְן, עֶס ווֶעט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ, עֶס ווֶעט זֵיי שְׁטֶעכְן דִי ווֶערְטֶער; זֵיי זֶעעֶן דָאךְ אַ לֶעבֶּעדִיגֶע פַארְקֶערְטֶע בֵּייְשְׁפִּיל ווִי דֶער מוּסָר סֵפֶר...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קִינְד, מֶען הָאט אִים גֶעפִירְט אִין חֶדֶר בַּיי דְרַייִ יָאר זָאגְן דִי א' ב'; נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער לָאזְן זִיךְ פוּנֶעם מְלַמֵּד זָאגְן דִי א' ב', אַסַאךְ קִינְדֶער ווֵיינֶען אוּן שְׁרַייעֶן. אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַ זֵייעֶר מִיאוּסְ'עֶ ווָארְט, דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט גֶעווִיסְט וָואס הָאט אִים בַּאטְרָאפְן, 'ווִי קֶען זַיין אַ קִינְד פוּן דְרַייִ יָאר זָאל זָאגְן אַ מִיאוּסְ'עֶ ווָארְט וָואס מֶען הֶערְט נָאר בַּיי דִי נִידְרִיגֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם?' דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ לָאךְ וואו זִיךְ צוּ בַּאגְרָאבְּן פַאר בּוּשָׁה, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן, שְׁטִיל, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט; דֶער מְנַהֵל הָאט גֶענוּמֶען דֶעם קִינְד אוּן אַ זַייט מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֶעקְן, עֶר גֵייט אִים שְׁלָאגְן מַלְקוֹת, רוּפְט זִיךְ אָן אַ גוּטֶער אִיד צוּם מְנַהֵל: "פַארְוָואס שְׁלָאגְסְטוּ דֶעם קִינְד? שְׁלָאג דִי עֶלְטֶערְן; דֶער קִינְד הֶערְט דָאס טָאג אוּן נַאכְט, עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט, וָואס מֵיינְט גוּט - עֶר זָאגְט וָואס עֶר הֶערְט אִין שְׁטוּבּ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה): "אַמָאל הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ אוּן הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפְן. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶען אֵיין אֶבֶן טוֹב", דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן הֶעלְפְן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן דִי פִינְגֶער, אִים פַארְבִּינְדְן אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס בְּלוּט, הָאט זִי גֶעזֶען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ דַיימַאנְט, דָאס אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר ווֶעט זַיין בְּלוֹיז פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אַז דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אָבֶּער וֶוען דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן - אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ דַיימַאנְט.

אַזוֹי אִיז מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, מֶען זֶעט נִישְׁט פוּן דְרוֹיסְן אַז מֶען אִיז בְּלוֹיז פוּן דַיימַאנְטְן, אָבֶּער וֶוען מֶען צֶעשְׁנַיידְט זִיךְ, מֶען קוּמְט אַהֵיים שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאס פוּן שְׁוִויס, קוּם וָואס מֶען קֶען אָטֶעמֶען, מֶען גֵייט אַ לַאנְגֶע ווֶעג, מֶען הָאט כֹּחַ נָאר ווַייל מֶען ווַייסְט אַז 'נָאךְ אַבִּיסְל קוּם אִיךְ אַהֵיים אִין אַ קִילֶע שְׁטוּבּ', אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים, מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אָן עִירְקָאנְדִישְׁן - דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דִי דַיימַאנְט שְׁטֵיין, מֶען זָאגְט: "גַּם זוּ לְטוֹבָה!" מֶען בְּלַייבְּט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת נשא (באר״י בהעלותך), שנת תשפ״ב)

## לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן, נָאר צוּ קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין מוֹסְדוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין קִינְד דֶערנֶענְטֶערט זִיךְ יֶעצְט צוּ דִי עֶלְטֶער וָואס זִי דַארְף שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן גֵיין אִין מוֹסְדוֹת, אוּן מִיר דַארְפְן טְרֶעפְן פַאר אִיר אַ גוּטֶע מוֹסָד.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרוֹיסֶע אוֹיסְוָואל, עֶס אִיז נָאר דָא צְוֵויי מוֹסְדוֹת, אֵיינְס אִיז אַ בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, וואו רוֹב פוּן מַיין גַאטוֹנְג שִׁיקְט דָארְט, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶועמֶען אַרֵיינְצוּנֶעמֶען. ווִידֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶע מוֹסָד וָואס נֶעמְט יָא אָן כִּמְעַט יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס מֵיינְט אַז דָארְט זֶענֶען דָא גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, אָבֶּער אוֹיךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ חַבֶרְ'ן מִיט זֵיי.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב אִיךְ זָאל זִיךְ אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען מַיין קִינְד אִין דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ שִׁיקְן אִין דִי אַנְדֶערֶע מוֹסָד וואו מֶען נֶעמְט מִיר גֶערְן אָן.

שִׁיקְן אִין דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד מֵיינְט אוֹיךְ אַז זֵיי וֶועלְן פַארְלַאנְגֶען אַז אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זָאלְן טוֹישְׁן גֶעווִיסֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ זֵייעֶרֶע תַּקָּנוֹת; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, צוּ הָאבְּן נָאר אַ כַּשְׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיךְ הָאבּ סַיי ווִי לֶעצְטְנְס בַּאקוּמֶען. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט דִי תַּקָּנָה, אָבֶּער עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, עֶס מֵיינְט זֵיי וֶועלְן מִיר אָנְהוֹיבְּן נָאכְקוּקְן אוֹיב אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, וואוּ אִיךְ דַאוֶוען, אוּן אַז מַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן אַ קוּרְצֶערֶע שֵׁייטְל, אוּן נָאךְ.

אִיז דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן? צוּ לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן נָאר אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אִין מוֹסְדוֹת?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (בארי"י אֱמוֹר), כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַודַאי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, זִיךְ בֶּעטְן בַּיי זֵיי אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעמֶען אַלֶעס וָואס זֵיי פַארְלַאנְגֶען - אַז זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז נִיטַאמָאל קַיין שְׁאֵלָה, עֶלְטֶערְן דַארְפְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, זֵיי גֶעבְּן דָאס שֶׁענְסְטֶע לֶעבְּן; אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט דַארְפְן עֶלְטֶערְן טוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וֶועגְן לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן וְכוּ'; אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דוּ רוּפְסְט דָאס אָן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן? עֶכְטֶע לֶעבְּן אִיז נָאר דֶער וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיד וָואס גֵייט דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב - דֶער לֶעבְּט אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן, דֶער אִיד וָואס הִיט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, עֶר הִיט שַׁבָּת - דֶער לֶעבְּט אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יח): "צַדִּיקִים בְּמִיתָתָן קְרוּיִים חַיִּים", צַדִּיקִים אֲפִילוּ נָאכְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט - לֶעבְּן זֵיי, אוּן רְשָׁעִים וֶוען זֵיי לֶעבְּן - זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ טוֹיט; לֶעבְּן אִיז נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַנְדֶערֶע זַאכְן - אִיז אַלֶעס פַאלְשׁ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט טוּן גוּטֶע זַאכְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפַּאפְּט.

ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוֹן, אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי - דָאס אִיז נִישְׁט לֶעבְּן; אֵיינֶער ווִיל גֶעפֶעלְן דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן - גֵייט עֶר אַזוֹי, אַ צְוֵוייטֶער ווִיל גֶעפֶעלְן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן - גֵייט עֶר אַזוֹי, דָאס מֵיינְט נִישְׁט עֶכְט לֶעבְּן, נָאר דֶער וָואס טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט זִיךְ אָן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן - דֶער לֶעבְּט עֶכְט. אוּן אוֹיךְ דֶער וָואס טוּט אַנְדֶערְשׁ ווִי זַיין ווִילְן כְּדֵי דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ - דָאס אִיז עֶכְט, דִי עֶכְטֶע לֶעבְּן אִיז טוּן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

גֶעבּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע, אוּן אַז מֶען ווִיל דִיר נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אִין דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי אַנְדֶערֶע מוֹסָד, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אוֹיךְ כַּשְׁרְ'ן דַיין טֶעלֶעפָאן, אוּן דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין מֶער אֵיידְל; מַאךְ יֶענֶע מוֹסָד פַאר דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַזוֹיפִיל בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת קדושים, שנת תשפ"ב)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



**קוֹל בְּרֶסְלֶב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876